דֶער צְוֶועק פוּן דִי גְזֵירוֹת הַיְּוָנִים אִיז גֶעוֶוען: "לְהַשְׁכִּיחָם תּוֹרָתֶךָ", מַאכְן אִידְן צוּ פַארְגֶעסְן דַיְין תּוֹרָה, דִי גֶ־טְלֶעכְקַיְיט אִין דֶער תּוֹרָה וָואס אִיז הֶעכֶער פַאר שֵׂכֶל. זֵיי הָאט נִיט גֶעאַרְט אַז אִידְן זָאלְן לֶערְנֶען דֶעם שֵׂכֶל אוּן חָכְמָה פוּן תּוֹרָה; זֵיי הָאבְּן נָאר גֶעוָואלְט אַז אִין דֶעם לֶערְנֶען תּוֹרָה זָאל זִיךְ נִיט אָנְהֶערְן אַז ס'אִיז דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס תּוֹרָה. אוּן אַזוֹי אוֹיךְ "לְהַעֲבִירָם מֵחֻקֵּי רְצוֹנֶךָ" - אַז אִידְן זָאלְן נִיט מְקַיֵּים זַיְין דִי "חֻקִּים", דִי מִצְווֹת וָואס זַיְינֶען הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל, אוּן זֵייעֶר קִיּוּם אִיז נָאר מִיט קַבָּלַת עוֹל, וַוייל אַזוֹי אִיז "רְצוֹנֶךָ", דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְס רָצוֹן. דָאס הֵייסְט דִי יְוָנִים וָואלְטְן אֲפִילוּ מַסְכִּים גֶעוֶוען אַז דִי אִידְן זָאלְן מְקַיֵּים זַיְין דִי חֻקִּים־מִצְווֹת, דוּרְךְ אַ גֶעווִיסֶע הַסְבָּרָה (עֶרְקְלֶערוּנְג): קֶען מֶען מְקַיֵּים זַיְין חֻקִּים, כָאטשׁ מְ'פַארְשְׁטֵייט זֵיי נִיט מִיטְן שֵׂכֶל, וַוייל מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ דֶערְבַּיי אַז דֶער אָנְזָאגֶער פוּן דִי חֻקִּים, זַיְיעֶנְדִיק אַ בַּעַל־שֵׂכֶל נִפְלָא,

---

is kindled to commemorate the Chanukah miracle. However, **even if one does not have another light** to use as a *shamash,* **he** nevertheless **should recite a blessing and kindle one light (the later commentaries to the *Shulchan Aruch* of Rav Yosef Caro, sec. 678.)** This indicates that the *mitzvah* of kindling Chanukah lights applies even when they do not publicize the miracle at all.

**33.** The *Al HaNissim* prayer.

**their observance possesses sublime knowledge. Thus, we can assume that the *chukim* also possess a rationale,** although that rationale transcends the limits of ordinary mortal knowledge.[34]

**The Greeks would not have objected so severely to such an approach to the observance of the *chukim*. What they primarily opposed was the Jews'** commitment to **observe the *chukim* because of *kabbalas ol* alone, without seeking any rationale.** They opposed the Jews' desire to obey **solely because the *mitzvos* are G-d's will.**[35]

**This explanation also enables us to understand why the Greeks defiled all the oil in the *Beis HaMikdash* making it impure** rather than simply destroying or stealing it. **The entire concept of ritual purity and impurity** are included in the category of *chukim,* **transcending the limits of** mortal **logic. As the *Midrash* states,**[36] **"The Holy One, blessed be He, declares, 'This is a statute which I have instituted, a decree which I have ordained. You have no permission to violate it.'" There is no reason in** mortal **logic why a corpse imparts ritual impurity, or why a *mikveh* restores ritual purity. These are unyielding decrees from G-d which the Jews must observe. Since ritual impurity is a concept which transcends mortal intellect, the Greeks strove against it, and "made all the oil in the Sanctuary impure."**[37]

**Similarly, the Jews'** response to the challenge presented by the Greeks **transcended the limits of** mortal **intellect. They fought the Greeks with *mesirus nefesh.*** Although the battle pitted **"the weak"** against **"the strong,"**[33] they were willing to sacrifice

הָאט מִסְתָּמָא אוֹיךְ אִין דִי חֻקִּים אַ פַארְשְׁטַאנְדִיקְן טַעַם[כד]. אוֹיף אַזַא אוֹפֶן קִיּוּם הַחֻקִּים - הָאבְּן זִיךְ דִי יְוָנִים נִיט אַזוֹי קֶעגְנְגֶעשְׁטֶעלְט. זֵיי הָאט בְּעִיקָר גֶעאַרְט וָואס דִי אִידְן זַיְינֶען מְקַיֵּים דִי חֻקִּים אִינְגַאנְצְן מִיט קַבָּלַת עוֹל, אָן קֵיין שׁוּם עֶרְקְלֶערוּנְג, נָאר בְּלוֹיז וַוייל אַזוֹי אִיז דֶער רָצוֹן פוּן אוֹיבֶּערְשְׁטְן[כה].

דָאס אִיז אוֹיךְ דִי עֶרְקְלֶערוּנְג פוּן דֶעם וָואס דִי יְוָנִים הָאבְּן טָמֵא־גֶעמַאכְט אַלֶע בּוֹימְלֶען וָואס זַיְינֶען גֶעווֶען אִין בֵּית הַמִּקְדָּשׁ. דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן טוּמְאָה וְטַהֲרָה אִיז דָאךְ הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל, ווִי דֶער מִדְרָשׁ זָאגְט[כו]: "אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא חֻקָּה חָקַקְתִּי גְּזֵירָה גָּזַרְתִּי וְאִי אַתָּה רַשַּׁאי לַעֲבוֹר עַל גְּזֵרָתִי" - עֶס אִיז נִיט פַארַאן קֵיין שֵׂכֶל־עֶרְקְלֶערוּנְג פַארְווָאס אַ מֵת אִיז מְטַמֵּא אוּן פַארְווָאס אַ מִקְוֶה אִיז מְטַהֵר, נָאר דָאס אִיז גָ־ט בָּרוּךְ הוּא'ס אַ גְזֵירָה אוּן אַ שְׁטְרֶענְגֶער גֶעזֶעץ, וָואס אִידְן טָארְן אַנְדֶערְשׁ נִיט טָאן. אוּן וַוייל טוּמְאָה אִיז אַן עִנְיָן וָואס אִיז אִינְגַאנְצְן הֶעכֶער פוּן מֶענְטשְׁלֶעכְן פַארְשְׁטַאנְד, הָאבְּן דִי יְוָנִים מִלְחָמָה גֶעהַאלְטְן קֶעגְן דֶעם אוּן "טִמְּאוּ כָּל הַשְּׁמָנִים שֶׁבְּהֵיכָל".

אוֹיךְ דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי אִידְן דֶעמָאלְט אִיז גֶעווֶען אִין אַן אוֹפֶן פוּן הֶעכֶער פוּן טַעַם וָדַעַת - אִין דֶער מִלְחָמָה קֶעגְן דִי יְוָנִים זַיְינֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ (חַלָּשִׁים קֶעגְן גִּבּוֹרִים וכו') פַאר

---

34. There is, moreover, a foundation for such an approach within the Torah itself. ***Bamidbar Rabbah* (19:2)** quotes King Shlomoh as saying, **"I was able to comprehend all the** reasons for the *mitzvos* of the Torah, **but with regard to the Red Heifer, [I probed, I asked and I sought, I said, 'I will become wise,' but I saw that] 'it is far from my [understanding.]'"** The very fact that King Shlomoh sought to discover the rationale for the Red Heifer indicates that such a rationale exists. Similarly, with regard to Moshe, the *Midrash* ***(loc. cit.:6)*** **states, "The Holy One, blessed be He, told Moshe, 'To you** alone **will I reveal the rationale for the Red Heifer.'"**

35. **See also *HaYom Yom,* entry Teves 2.**

36. ***Bamidbar Rabbah,* at the beginning of *Parshas Chukas;*** see *Rashi,* beginning *Parshas Chukas.* See also ***Rambam, Mishneh Torah,* the conclusion of *Hilchos Mikvaos.***

37. *Shabbos* 21b.

their lives **for G-d, His Torah, and His *mitzvos*. Self-sacrifice by nature goes beyond the limits of understanding.**

**Comparable ideas apply with regard to the Chanukah miracle. By definition, every miracle transcends the bounds of** both **nature and knowledge. In addition, the Chanukah miracle** is unique in that it was wrought **"to show** G-d's **love for the Jewish people"**[38] – a love **which is not bound by the limits of reason.**

**Since the miracle of the oil reveals a connection between the Jews and G-d that transcends all limits – that He cherishes them** beyond all limitations – **our Sages** desired that the fundamental celebration of Chanukah reflect this bond. **Therefore, they ordained that the primary *mitzvah* of Chanukah is kindling lights**[39] **commemorating the miracle which transpired with the cruse of oil – and not the recitation of the prayers *Hallel* and *VeAl HaNisim*,** which praise and thank G-d for **the military victory** – for it is specifically the miracle of the cruse of oil that **points to the transcendent bond which the Jews share with G-d.**[40]

**Accordingly, we can appreciate why the light of the Chanukah lamps are not an intermediary to reach another goal,** but have a **self-contained purpose. They reflect** the Jews' innate **bond with G-d's Essence.** That itself is their purpose; **it cannot be said that** they are to be kindled **for any other purpose.**

דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן און זַיְין תּוֹרָה און מִצְוֹות, וָואס דֶער גַאנְצֶער עִנְיָן פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אִיז הֶעכֶער פוּן שֵׂכֶל.

אַזוֹי אוֹיךְ אִין דֶעם נֵס חֲנוּכָּה - אוֹיסֶער דֶעם וָואס יֶעדֶער נֵס אִיז הֶעכֶער פוּן טֶבַע און שֵׂכֶל - הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דוּרְךְ דֶעם נֵס בַּאווִיזְן זַיְין בַּאזוּנְדֶערְן פַארְבּוּנְד מִיט אִידְן: "לְהַרְאוֹת חִבָּתָם שֶׁל יִשְׂרָאֵל", וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן דִי גְרֶענֶעצְן פוּן שֵׂכֶל.

און ווַיְיל דֶער נֵס מִיטְן פַּךְ הַשֶּׁמֶן בַּאווַיְיזְט אוֹיף דֶעם פַארְבּוּנְד פוּן אִידְן מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִין אַן אוֹפֶן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן יֶעדֶער מָאס און הַגְבָּלָה ("חִבָּתָן שֶׁל יִשְׂרָאֵל"), דֶערְפַאר הָאבְּן דִי חֲכָמִים מְתַקֵן גֶעווֶען דֶעם עִיקַר הַמִּצְוָה פוּן חֲנוּכָּה צוּ אָנְצִינְדְן נֵרוֹת[כז] ווִי אַ זֵכֶר צוּם נֵס פוּן פַּךְ הַשֶּׁמֶן (און נִיט דֶעם עִנְיָן פוּן הַלֵל וְהוֹדָאָה אוֹיף דֶעם נֵס פוּן מְנַצֵחַ זַיְין דִי מִלְחֶמֶת הַיְוָנִים), בַּאווַיְיזְן דֶעם פַארְבּוּנְד פוּן אִידְן מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, הֶעכֶער פוּן יֶעדֶער מְדִידָה וְהַגְבָּלָה[כח].

לוֹיט דֶעם ווֶערְט פַארְשְׁטַאנְדִיק וָואס נֵרוֹת חֲנוּכָּה אִיז זֵייעֶר לִיכְטִיקַיְיט נִיט קֵיין מִיטְל צוּלִיבּ עֶפֶּעס, נָאר דֶער תַּכְלִית אִיז אִין זֵיי אַלֵיין, ווַיְיל זֵיי ווַיְיזְן אוֹיף דֶעם פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוֹיף עַצְמוּת, בְּמֵילָא קֶען מֶען נִיט זָאגְן, אַז זֵיי זַיְינֶען צוּלִיבּ עֶפֶּעס אַן אַנְדֶער זַאךְ חַס וְשָׁלוֹם.

---

**38.** See *Pnei Yehoshua* and *Rosh Yosef* to *Shabbos* 21a; the Responsa of *Chacham Tzvi,* responsum 87. In those sources, it is explained that the *Menorah* could have been kindled with impure oil, because communal offerings supersede the restrictions brought about by impurity. However, G-d performed the Chanukah miracle to demonstrate His unbounded love for the Jewish people.

**39. See *Tosafos, Sukkah* 46a, s.v., *haroeh*; *Magen Avraham* 676:1, and commentaries; the gloss of the *Tzaphnas Paneach* to the *Mishneh Torah, Hilchos Chanukah* 3:3.**

**40. This concept is also reflected in the number of lights kindled: eight, for as explained above, the number eight is associated with a transcendent dimension.** Similarly, it is reflected in the fact that it is the universal custom to observe this *mitzvah* ***mehadrin min hamehadrin,* in the most careful and beautiful manner. See *Likkutei Sichos,* Vol. I, p. 92.**

**41.** *Taanis* 7b.

## Three Types of Light

**7. As mentioned above,** in general, **the purpose of the** ***Shabbos*** **candles, the lamps of the** ***Menorah,*** **and the Chanukah candles is** to produce **light. Our Sages say,**[41] **"There is no light other than the Torah, as it is written,**[42] **'A** ***mitzvah*** **is a candle, and the Torah, light.'" The illumination produced by all these three types of lights refers to the Torah. However, there are** several different **levels of Torah study, which on the whole are alluded to by these three types of lights,** i.e., the three types of lights represent three different approaches to studying the Torah.

One of the purposes of **Torah study is to learn the laws concerning the** ***mitzvos*** **so that one knows how they should be fulfilled. The general and internal** motivation for this mode of Torah study is reflected by our Sages' statement,[43] **"the Torah brings peace to the world,"** i.e., the observance of the *mitzvos* engenders peace and stability within the world at large. **This parallels the** ***Shabbos*** **candles, which are kindled for the sake of "peace in the home."**

Another purpose of **Torah study is to connect the Jewish people with G-d.**[44] **This parallels the lamps** of the *Menorah* in **the Sanctuary, which served as testimony that the Divine Presence rests within the Jewish people.**

**The highest level of Torah study is** ***Torah lishmah,*** **the study of Torah for its own sake, without any other intent;**[45] this relates to the level of **Torah as it is bound with G-d's Essence.**[46] **And with regard**

ז. ווִי גֶעזָאגְט פְרִיעֶר, אִיז נֵרוֹת שַׁבָּת, נֵרוֹת הַמִקְדָּשׁ אוּן נֵרוֹת חֲנוּכָּה, אִיז זֵייעֶר עִנְיָן - אוֹר.

דִי גְמָרָא זָאגְט[כט]: וְאֵין אוֹר אֶלָּא תוֹרָה שֶׁנֶּאֱמַר כִּי נֵר מִצְוָה וְתוֹרָה אוֹר. פוּן דֶעם קוּמְט אוֹיס, אַז דֶער אוֹר פוּן דִי אַלֶע דְרַיי אוֹיבְּנְדֶערְמָאנְטֶע סוּגִים נֵרוֹת אִיז - תוֹרָה. נָאר אִין תוֹרָה גוּפָא זַיְינֶען פַאראַן כַּמָה מַדְרֵיגוֹת, וָואס בִּכְלָלוּתָם וֶוערְן זֵיי נִרְמָז אִין דִי דְרַיי סָארְטְן נֵרוֹת:

לִימוּד הַתוֹרָה בִּכְדֵי צוּ ווִיסְן ווִי צוּ מְקַיֵים זַיְין מִצְווֹת, לָדַעַת אֶת הַמַעֲשֶׂה אֲשֶׁר יַעֲשׂוּן, וָואס - בִּכְלָלוּת וּבִפְנִימִיוּת - אִיז דָאס דֶער עִנְיַן הַתוֹרָה שֶׁעוֹשֶׂה שָׁלוֹם בָּעוֹלָם[ל] - נֵרוֹת שַׁבָּת, וָואס זַיְינֶען צוּלִיב שָׁלוֹם בַּיִת.

לִימוּד הַתוֹרָה וָואס דוּרְךְ דֶעם פַארְבִּינְדְן זִיךְ אִידְן מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן[לא] - נֵרוֹת הַמִקְדָּשׁ, וָואס זַיְינֶען אַן עֵדוּת אַז דִי שְׁכִינָה רוּט צְווִישְׁן אִידְן.

לִימוּד הַתוֹרָה "לִשְׁמָהּ", לְשֵׁם הַתוֹרָה עַצְמָהּ, אָן זַיְיטִיקֶע תַכְלִיתִים, וָואס דָאס אִיז תוֹרָה ווִי זִי אִיז פַארְאֵיינְצִיקְט מִיט עַצְמוּת[לב]; וָואס

---

42. *Mishlei* 6:23.

43. ***Sifri*** *Bamidbar* 6:26, **quoted by** ***Rambam*** **at the conclusion of** ***Hilchos Chanukah.*** **See also the** ***maamar*** **entitled** ***Heichaltzu*** **and its explanation in** ***Likkutei Torah,*** ***Bamidbar***, p. 85d ff, **which explains our Sages' statement (*****Sanhedrin*** **99b), "Whoever occupies himself with the Torah for its own sake brings about peace...."** See *Heichaltzu,* 5659, ch. 32.

44. **See** ***Zohar,*** **Vol. III, p. 73a. See also** ***Tanya,*** **the end of ch. 5, and chs. 52 and 53.**

45. To explain the difference between the second and third approaches: The second approach involves a person studying in order to connect himself with G-d. In a complete sense, this cannot be termed studying *Torah lishmah,* the study of Torah for *its* own sake. On the contrary, the person is studying for *his* own sake – to connect his soul with G-d.

On the third level, the person is not seeking to connect with G-d; he appreciates the essential connection the Torah shares with G-d and studies as an expression of that connection.

46. **See** ***Tanya,*** **ch. 23, and the notes of the** ***Tzemach Tzedek*** **to that chapter.**

**to G-d's Essence (and similarly with regard to the Torah, which is one with G-d's Essence), it is impossible to say that He exists for a purpose outside of Himself. This dimension is paralleled by the Chanukah lights.**[47]

אִין עַצְמוּת - וּבְמֵילָא אוֹיךְ אִין תּוֹרָה ווִי זִי אִיז אֵיין זַאךְ מִיט אִים - אִיז נִיט שַׁיָּיךְ צוּ זָאגְן ווֶעלְכְן עֶס אִיז אַנְדֶערְן תַּכְלִית חַס וְשָׁלוֹם אוֹיסֶער אִים אַלֵיין - נֵרוֹת חֲנוּכָּה[לג].

## The Potential is Sufficient

**8.** As stated above, **publicizing the Chanukah miracle is merely an incidental factor,** and is not **the fundamental purpose of kindling the Chanukah lights. This concept is not in contradiction to the law that states that if a person kindles Chanukah lights in a place where they will not be seen by others, e.g., higher than 20 cubits,**[48] **or at time when** they will not be seen,[49] **he is not** considered to have **fulfilled the *mitzvah*.**

To explain: **The *mitzvah* of kindling Chanukah lights is to kindle a light that in and of itself illuminates and could provide light for people** to see.[50] (**This** light **must also – as an initial preference – be** positioned **in a** place where **it can publicize** the Chanukah miracle.) **There is, however, no necessity that people actually *see* the Chanukah lights. All that is necessary is that the candles produce a light which *can* be seen by others.**[51]

ח. הֲגַם אַז פִּרְסוּמֵי נִיסָא אִיז נָאר אַן עִנְיָן נוֹסָף צוּ דֶער עִיקַר הַמִּצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה אַלֵיין, אִיז אָבֶּער דֶערְצוּ נִיט קֵיין סְתִירָה פוּן דֶעם דִין[לד] אַז אוֹיב מֶען צִינְדט דִי נֵרוֹת חֲנוּכָּה אִין אַן אָרְט (הֶעכֶער פוּן צְווַאנְצִיק אֵיילְן, וואוּ אַ מֶענְטשְׁלֶעךְ אוֹיג קֶען נִיט שׁוֹלֵט זַיְין) אָדֶער אִין אַ צַיְיט[לה], וואָס עֶס קֶען נִיט זַיְין קֵיין פִּרְסוּמֵי נִיסָא - אִיז מֶען דִי מִצְוָה נִיט מְקַיֵּים. ווַיְיל דֶער גֶּדֶר פוּן דֶער מִצְוַת הַדְלָקַת נֵר חֲנוּכָּה אִיז - אַז דֶער אוֹר מִצַּד זִיךְ זָאל זַיְין אַן אוֹר הַמֵּאִיר, אַ לַיְיכְטְנְדִיקֶע לִיכְט לִבְנֵי אָדָם[לו] (אוּן לְכַתְּחִלָּה אוֹיךְ אִין אַן אוֹפֶן פוּן פִּרְסוּם), סְ'אִיז אָבֶּער נִיט קֵיין מוּז אַז דֶעם אוֹר זָאלְן טַאקֶע מֶענְטשְׁן - בְּפוֹעֵל מְקַבֵּל זַיְין, נִיט מֶער וואָס דֶער אוֹר דַארְף זַיְין אַזַא אוֹר אַז מִצַּד דֶעם אוֹר לַיְיכְט עֶר צוּ מֶענְטשְׁן[לז].

---

**47. On this basis, it is possible to also clarify the statements of *Ramban* in the name of the *Midrash* in his commentary at the beginning of *Parshas Behaalos'cha*, which mention that the lamps** of the *Menorah* **always point to the center of the *Menorah*.** *Ramban* explains that this passage refers to the Chanukah lights, and as such, the question arises: **What is the connection of the Chanukah lights to the center of the *Menorah?***

**The Hebrew word translated as "center," *pnei,* also means "inner dimensions."** The Chanukah lights, refer to **the Torah as it is united with G-d's Essence, revealing solely the Torah's inward dimension. See *Tanya, Kuntres Acharon,* the essay beginning *David zemiros keris lihu.***

**48. *Shabbos* 22a and *Rashi's* commentary. See also *Rambam, Hilchos Chanukah* 3:3, 4:12.**

**49. See *Beis Yosef,* *Orach Chayim; Maharshal; Magen Avraham; Chemed Moshe;* and others, the conclusion of sec. 672.**

**50. Similar to the *Menorah*, which** the Torah *(Bamidbar* 8:2*)* **states** must **"shine."**

**51. To cite a parallel:** With regard to the mixture of oil and flour for the meal offerings, our Sages explain (*Menachos 103b*) that although the Torah ordains that they should be mixed together, **as long as they are *fit* to be mixed together, after the fact, the offering is acceptable even though the flour and oil were not actually combined.** Similarly, as long as the Chanukah lamps are kindled in a manner that enables their light to be seen, it is not necessary for others to actually perceive it.

**The concepts explained in the text above can** be extended to **serve as the basis for the interpretation of the difference of opinion between our Sages *(Shabbos* 21b*)* as to whether it is permissible to derive benefit from the Chanukah lights. The opinion which permits deriving benefit maintains that the light of the Chanukah lights,** though transcendent in nature, **also produces benefits that can be appreciated within** the natural order, the *Seder Hahishtalshelus*.

**The opinion which maintains – and**

## To Reveal What Cannot Be Revealed

**9. The inner reason that it is necessary for the Chanukah lamps to produce light which can be seen by everyone, to the extent that they attract public notice,** can be explained as follows: **The loftiest levels of G-dliness,** not only **those which transcend** the natural order, **the *Seder Hahishtalshelus,* but even the Essence of G-d Himself – must be drawn down to this material realm.**[52] **The G-dliness drawn down transcends the measures and limits of all the worlds. Nevertheless, the** ultimate intent is that **it be drawn down in a manner that will enable it** to permeate and **be internalized even within our material frame of reference.**

**There is a parallel to this in our Divine service. The fundamental intent of the power of *mesirus nefesh,* and the essential bond between a Jew and G-d, is not** merely **to serve as an intermediary, a means to arouse and illuminate our revealed powers** of intellect and emotion. **The fundamental purpose is the *mesirus nefesh* itself and the bond with G-d** which is established through it. **Nevertheless,** in the most complete sense, ***mesirus nefesh***

ט. דֶער טַעַם פְּנִימִי אוֹיף דֶעם וָואס דִי נֵרוֹת מוּזְן מִצַּד זִיךְ אַלֵיין זַיְין נֵרוֹת מְאִירִים צוּ אַלֶעמֶען בִּיז אִין אַן אוֹפֶן פוּן פִּרְסוּם: דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת אִין אֱלֹקוּת, אוֹיךְ דִי וָואס זַיְינֶען הֶעכֶער פוּן סֵדֶר הִשְׁתַּלְשְׁלוּת, בִּיז עַצְמוּת אֵין סוֹף בָּרוּךְ הוּא, דַארְף מֶען מַמְשִׁיךְ זַיְין לְמַטָּה[לח]. זֵיי זַיְינֶען טַאקֶע לְגַמְרֵי הֶעכֶער פוּן וֶועלְכְן עֶס אִיז גֶדֶר מְדִידָה אוּן הַגְבָּלָה פוּן עוֹלָמוֹת. אָבֶּער אֲפִילוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת דַארְפְן נִמְשָׁךְ וֶוערְן אִין אַזַא אוֹפֶן אַז דֶער מַטָּה זָאל זֵיי קֶענֶען נֶעמֶען.

אַזוֹי אִיז עֶס אוֹיךְ אִין עֲבוֹדָה: דֶער כֹּחַ פוּן מְסִירַת נֶפֶשׁ אוּן דִי עַצְמוּת'דִיקֶע צוּגֶעבּוּנְדַקַיְיט פוּן אַ אִידְן מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אִיז נִיט זַיְין עִיקַר עִנְיָן צוּ זַיְין אַן אֶמְצָעִי, אַ מִיטְל צוּ מְעוֹרֵר זַיְין אוּן בַּאלַיְיכְטְן דִי כֹּחוֹת הַגְלוּיִים. תַּכְלִיתוֹ אִיז דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ גוּפָא, דֶער פַארְבּוּנְד מִיטְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן, דֶער כֹּחַ הַמְסִירַת נֶפֶשׁ דַארְף אָבֶּער זַיְין אִין אַ

---

**which is accepted as *halachah* – that it is forbidden to benefit from the illumination** produced by the Chanukah lights **maintains that the purpose of their light is not to affect change with regard to the world** and our immediate temporal concerns, **for that type of light transcends** the natural order, the *Seder Hahishtalshelus.* **Even when it does bring about change within the world, it** essentially remains **removed** and distinct from ordinary worldly matters.

**(Both of these concepts are reflected in the nature of oil** which is used for Chanukah lamps: **Oil permeates all objects. Simultaneously, it does not become mixed with any other liquid.) Since** this transcendent light **does not enclothe** itself within the world and adapt itself to its limits, **the process of transmission** to lower levels **does not cause it to undergo contraction.**

**This can be connected to *Ramban*'s statements (in his commentary to the beginning of *Parshas Behaalos'cha*) that the Chanukah lights and the Priestly Blessing will never be nullified. The Chanukah lights and the Priestly Blessing share a common factor; they both draw down a light which transcends** the natural order, the *Seder Hahishtalshelus.*

(This points to another connection between the two. **The commemoration of Chanukah** in our prayers **is through the recitation of *Hallel,* and the addition of the prayer *Al HaNissim* in the blessing *Modim.* The Priestly Blessing is also recited** after **the blessing *Modim.*** *Hodo'ah,* acknowledgment of G-d's kindness, is thematically related to the two, **because the transcendent light** which they convey **cannot be grasped** and appreciated; **all that we can do is to acknowledge its** influence.)

The transcendent light which the Chanukah lights and the Priestly Blessing **draws down does have an effect within the world. Nevertheless, this effect is not bound by the limits of our world.** On the contrary, it follows the pattern of **"His word runs most swiftly"** (*Tehillim* 147:15) and is revealed in an unlimited manner, **as explained in *Likkutei Torah,* the conclusion of *Parshas Korach.***

**52.** This transforms our **lowly world into a dwelling for G-d,** a place where His Essence is revealed. See *Tanya,* ch. 36.

**should also be openly apparent, so much so that it is capable of affecting our revealed powers, spurring them to** deeper involvement in **the Torah and its *mitzvos,* for as explained in *Tanya,*[53] the observance of the Torah and its *mitzvos* is dependent on *mesirus nefesh.* Nevertheless, even when, Heaven forbid,** a person's ***mesirus nefesh* does not have** a direct **effect on his observance of the Torah and its *mitzvos*** (as it is possible that **a Chanukah lamp will not actually provide light for another person), there is nothing lacking in the *mesirus nefesh*** per se. **There is only a lack in the person's revealed powers; they are not** sufficiently developed **to be affected by the *mesirus nefesh.*[54]**

גִילוּי׳דִיקְן אוֹפֶן, בִּיז אַז עֶר זָאל קֶענֶען ווִירְקְן אוֹיף דִי כֹּחוֹת הַגְלוּיִים צוּ מְקַיֵים זַיְין תּוֹרָה אוּן מִצְוֹת, ווִי סְ׳אִיז מְבוֹאָר אִין תַּנְיָא[לט], אַז דֶער קִיוּם פוּן תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִיז תָּלוּי אִין מְסִירַת נֶפֶשׁ. נָאר אֲפִילוּ אוֹיבּ דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ בְּגִילוּי ווִירְקְט נִיט חַס וְשָׁלוֹם בְּפוֹעֵל אוֹיף צוּ מְקַיֵים זַיְין תּוֹרָה וּמִצְוֹת (פּוּנְקְט ווִי בַּיי נֵר חֲנוּכָּה ווֶען עֶר אִיז בְּפוֹעֵל נִיט מֵאִיר צוּ מֶענְטשְׁן), אִיז עֶס נִיט קֵיין חִסָרוֹן אִין דֶער מְסִירַת נֶפֶשׁ. נָאר סְ׳אִיז אַ חִסָרוֹן אִין דִי כֹּחוֹת הַגְלוּיִים ווָאס זֵיי זַיְינֶען נִיט כֵּלִים צוּ בַּאווִירְקְט ווֶערְן פוּן דֶער מְסִירַת נֶפֶשׁ[מ], אָבֶּער דִי מְסִירַת נֶפֶשׁ הָאט עֶר אָנְגֶעצוּנְדֶען [נִיט נָאר ווָאס עֶס אִיז בַּא עֶם אַלֶעמָאל גַאנְץ בְּכֹחַ, כְּמַאֲמַר רַזַ״ל[מא]: ״יִשְׂרָאֵל אַף עַל פִּי שֶׁחָטָא יִשְׂרָאֵל הוּא״].

**However,** this lack does not detract from a person's *mesirus nefesh;* that power was aroused and expressed. The power of *mesirus nefesh* **exists intact** within all Jews **as an inherent potential, as our Sages state,[55] "A Jew, even though he sins,** remains **a Jew."** In this instance, **however, the *mesirus nefesh*** exists not only as an inherent potential, rather it **has been set alight** and activated.

## What Exile Cannot Obstruct

**10. On the basis of the above, we can appreciate a wondrous factor which distinguishes the Chanukah lights from all other *mitzvos.* With regard to all the other *mitzvos,* there is a possibility that a non-Jew will prevent a Jew from observing them. Even with regard to the three *mitzvos***

י. עַל פִּי זֶה ווֶעט מֶען פַארְשְׁטֵיין ווָאס מִיר גֶעפִינֶען אִין מִצְוַת נֵר חֲנוּכָּה אַ דְבַר פֶּלֶא, מִיט ווָאס זִי טֵיילְט זִיךְ אוֹיס פוּן אַלֶע מִצְוֹת. אַלֶע מִצְוֹת זַיְינֶען אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַזוֹי אַז עֶס אִיז מֶעגְלֶעךְ אַז אַ גוֹי זָאל שְׁטֶערְן אוּן נִיט דֶערְלָאזְן זֵיי צוּ מְקַיֵים זַיְין. אֲפִילוּ דִי דְרַיי מִצְוֹת

53. ***Tanya,* the conclusion of ch. 25.**

**54.** To cite an example of how a person's essential powers may not affect his conscious self. Our Sages *(Berachos* 63a, see *Ein Yaakov,)* say that **a thief calls upon G-d before breaking into a home.** On one hand, **his faith is aroused and revealed,** as reflected in **his calling upon G-d. Simultaneously,** this arousal does not affect **his conscious powers** of thought and feeling. On the contrary, **he uses them to act** against G-d's will and **steal.**

**A similar concept can apply with regard to *mesirus nefesh.* It is possible that a Jew who gives up his life *al kiddush HaShem,* to sanctify G-d's name, may be lax in the observance of a particular *mitzvah,* for his revealed powers** have not been affected. *Tanya* (ch. 18) states that even **the most base and unrefined individuals are prepared to sacrifice their lives *al kiddush HaShem.* Nevertheless, their self-sacrifice, does not affect their revealed powers, and from the standpoint of those powers, they may remain base and unrefined.** (See also ***Kuntres HaAvodah,* ch. 5.) This is not the place for further discussion** of the matter.

**concerning which it is stated,**[56] **"You should die rather than transgress," and a Jew is required to sacrifice his life;** a non-Jew's oppression can have an effect.

Consider: Although a Jew is obligated to sacrifice his life rather than transgress these three *mitzvos* and **a non-Jew cannot** cause a Jew to **nullify their observance, he can prevent the Jew from fulfilling them. If the Jew will remain firm in his observance and sacrifice his life for them, he will be killed, and** the *mitzvos* – even **the *mitzvah*** for which he is sacrificing his life – **will no** longer be able to **be observed.**

**With regard to the *mitzvah* of Chanukah, by contrast, there is no way that a non-Jew can negate its observance. For** as stated above, **in an age when the non-Jews try to prevent the Jews from observing the *mitzvos*, a non-Jew cannot prevent the Jews from fulfilling this *mitzvah*.** Even when any public observance is forbidden, **our Sages**[57] **rule that it is sufficient to kindle the Chanukah lights on one's** dining room **table. A non-Jew cannot prevent a Jew from doing that.**[58]

**This factor can be explained on the basis of the concepts stated above. The *mitzvah* of kindling Chanukah lights reflects the connection of the essence of the soul with G-d's Essence –** a connection **which cannot be affected by sin. As such, exile – which comes as a result of sin, as we say in our prayers,**[59] **"because of our sins, we were exiled from our land" – can have no effect upon this *mitzvah;* no one can negate its observance. A non-Jew can issue a decree preventing** a Jew from kindling a **Chanukah light that shines outside** his home and illuminates **the world; he cannot, how-**

אוֹיף וועלכע עס שטייט[מב]: "יֵהָרֵג וְאַל יַעֲבוֹר", אַז אַ אִיד אִיז מְחוּיָב זִיךְ צוּ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיְין אוֹיף זֵיי, קֶען דָאךְ דֶער נָכְרִי נִיט הָאבְּן קֵיין שְׁלִיטָה צוּ מְבַטֵּל מַאכְן דִי דְרַיי מִצְווֹת - דֶער גוֹי קֶען אָבֶּער מִלְחָמָה הָאבְּן קֶעגְען דֶעם קִיּוּם פוּן דִי מִצְווֹת. אוּן אַז דֶער אִיד וֶועט נִיט נִתְפָּעֵל אוּן אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף זֵיי, יֵהָרֵג - אִיז דָאךְ נִיטָא אוֹיךְ דֶער קִיּוּם הַמִּצְוָה. אַנְדֶערְשׁ אִיז דִי מִצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה, צוּ וועלכֶער דֶער נִיט־אִיד הָאט נִיט קֵיין צוּטְרִיט אוֹיף צוּ מְבַטֵּל זַיְין זִי, ווָארֶעם אֲפִילוּ אִין אַ צַיְיט פוּן גְזֵירַת הַשְּׁמַד, רַחֲמָנָא לִצְלַן, קֶען דֶער גוֹי נִיט צֶעשְׁטֶערְן דֶעם קִיּוּם פוּן אָט דֶער מִצְוָה, ווַיְיל אִין אַזַא צַיְיט אִיז דִי מִצְוַת נֵר חֲנוּכָּה אַז דֶער אִיד שְׁטֶעלְט אַוֶועק דֶעם נֵר חֲנוּכָּה אוֹיפְן טִישׁ, ווִי דֶער לָשׁוֹן הַגְּמָרָא אִיז: "מַנִּיחָהּ עַל שֻׁלְחָנוֹ וְדַיּוֹ", אוּן דֶער נָכְרִי וֶועט אִים נִיט שְׁטֶערְן.

אִיז דֶער בִּיאוּר דֶערְפוּן ווִי גֶערֶעדט פְרִיעֶר: ווַיְיל דִי מִצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה בַּאווַיְיזְט אוֹיף דֶער הִתְקַשְּׁרוּת פוּן עַצְמוּת הַנְּשָׁמָה מִיט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, מִיט עַצְמוּת, אִיז עֶס אַזַא אָרְט ווָאס קֵיין חֵטְא קֶען נִיט אָנְרִירְן, וּבְמֵילָא קֶען דָארְט אוֹיךְ נִיט זַיְין דֶער עִנְיָן פוּן גָלוּת ווָאס וֶוערְט פַארְאוּרְזַאכְט דוּרְךְ אַ חֵטְא ("וּמִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ"), אוּן דֶערְפַאר קֶען קֵיינֶער דִי מִצְוָה פוּן נֵר חֲנוּכָּה נִיט מְבַטֵּל זַיְין. אַ גוֹי קֶען מֶער נִיט ווִי אַרוֹיסְגֶעבְּן אַ גְזֵירָה אוּן נִיט דֶערְלָאזְן אַז דֶער אוֹר הַמֵּאִיר פוּן נֵר חֲנוּכָּה זָאל לַיְיכְטְן בַּחוּץ, אִין וֶועלְט,

---

**55.** ***Sanhedrin*** **44a.**

**56.** *Sanhedrin* 74a; ***Shulchan Aruch, Yoreh De'ah*** **157:1.**

**57.** *Shabbos* 21b, which explains that in an era when non-Jews attempt to stamp out the observance of the *mitzvah* of Chanukah lights, lighting a single candle on the dining room table with the intent of fulfilling the *mitzvah* is acceptable.

**58.** I.e., the non-Jews could not object to a person sitting down to a candlelit meal.

**59.** *Musaf* service for the festivals.

**ever, thwart the fundamental** fulfillment of **the *mitzvah*,** for the candles can be kindled within the home. As ***Ramban* states,**[60] **"The candles of Chanukah will never be nullified." The concealment of G-dliness which characterizes exile (and in a larger sense characterizes our material existence as a whole) cannot** prevent the light of Chanukah from shining.

אָבֶּער דֶעם עֶצֶם פוּן נֵר חֲנוּכָּה קֶען קֵיינֶער נִיט אָנְרִירְן. עַל דֶּרֶךְ ווִי מְ'הָאט מְבַאֵר גֶעווֶען אִין פֵּירוּשׁ הָרַמְבַּ"ן[מג], אַז נֵרוֹת חֲנוּכָּה "אֵינָן בְּטֵילִין לְעוֹלָם", זֵיי רִירְט נִיט אָן דֶער גַאנְצֶער הֶעְלֵם פוּן גָלוּת, אָדֶער ווֶעלְט בִּכְלָל.

(משיחת נר ה' דחנוכה וש"פ מקץ, זאת חנוכה, תש"כ)

---

**60. At the beginning of his commentary to *Parshas Behaalos'cha*.** **See** the previous references to these statements in **section 2 above.**

---

א) ווי אין גמרא אבער נאך מיט מער קישור ביניהם ראה שם. ואין כאן מקומו.

ב) שבת כא, ב.

ג) קהלת יעקב (לבעל המחבר ספר מלוא הרועים) בערכו. ומרומז (ככל הענינים דפנימיות התורה) גם בנגלה דתורה. כי היו עבדי שלמה שמרדו בו ונתערבו בין התרמודים (כדמשמע במסכת יבמות טז, ב), והמרידה בשלמה שישב על כסא ה' הוא ענין המרידה ופריקת עול מלכות שמים. - וגם מזה נראה מעלת נרות חנוכה על נרות המקדש, שהרי הגילוי דבית המקדש לא שלל את מציאות מרידת תרמוד, ואדרבה היא היתה שותפת בחורבן הבית (ירושלמי תענית פ"ד סוף ה"ה), ונרות חנוכה מכלים (אפילו) ריגלא דתרמודאי, מבטלות כל מציאותה (גם רגל בחינה היותר אחרונה) דפריקת עול.

ד) ריש פרשת בהעלותך.

ה) ברכות לד, ב. וראה ספר המאמרים ה'תש"ט ע' 183 הערה 1.

ו) שו"ת הרשב"א ח"א סי' ט. וראה ד"ה ויהי ביום השמיני תש"ד באריכות.

ז) שמטעם זה קבעו גם ברכת רפואה בשמינית, כי רפואה הוא ענין התשובה, וכמבואר בד"ה וכל אדם לא יהיה להצמח־צדק (אור התורה דרושי יוהכ"פ ע' א'תקנה) ודשנת תשכ"ג (סה"מ מלוקט ח"ה ע' טו). עיין שם.

ח) ראה לקוטי תורה דברים צב, ב. שה"ש נ, ב.

ט) השייכות בזה גם לפרשת וישב - ראה אור תורה להמגיד ריש פרשת וישב, שפירש: ארץ מגורי (לשון יראה) אביו - אף שהוא בארציות וחומריות עולם הזה, עם כל זה הוא במגורי אביו רוצה לומר ביראת אביו שבשמים. ארץ כנען - ואפילו הוא בין הרשעים (כנען בידו מאזני מרמה), אינו לומד ממעשיהם. (ועל דרך זה פירש גם בתורה אור שם, שיש שני ארצות, אלא שבתורה אור מבאר בדרגא נעלית יותר: יחודא עלאה ויחודא תתאה). ונמצא שב' הארצות הוא ענין עבודת הצדיקים ועבודת התשובה, ושניהם בכתוב אחד.

י) ערכין יג, ב. ראה לקוטי תורה תזריע כא, ד.

יא) ראה אגרת הקדש סוף סימן ל'.

יב) ריש יומא. וראה שבת קיח, ב.

יג) יבמות סג, א.

יד) ראה שולחן ערוך אדמו"ר הזקן (או"ח ריש סימן רסג) בטעם נרות שבת "שלא יכשל בעץ או באבן כו' ועיקר כו' שאוכל אצלו". [וכל צרכי האדם נכללים בשם אכילה]. ועל פי הנ"ל בפנים בענין דעזר כנגדו יומתק המשך דברי הרמב"ם בהלכות חנונה שם בטעם דנר ביתו קודם משום שלום ביתו "שהרי השם נמחק לעשות שלום בין איש לאשתו" ודו"ק. כן יומתק מה שנקראו הנרות נר ביתו (והוצרך רש"י - שבת כג, ב - להוסיף ביאור "בשבת") ולא נר שבת.

טו) ברכות נג, א. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן סי' חצר סעיף יז.

טז) במדבר ח, ב.

יז) שולחן ערוך או"ח סי' תרפא. האריך בזה בספר מועדים בהלכה להר' שמואל יוסף שי' זוין.

יח) שבת כב, ב. עיין ספרא הובא בתוספות שם.

יט) שם כג, ב.

כ) ועל דרך זה אין להקשות ממה שנתבאר לעיל מעלת נרות חנוכה מצד השלום שבהם (אלא שבחינת השלום שבנר חנוכה היא בחינה נעלית יותר מבחינת השלום שבנרות שבת), וכן מזה שעל ידי נרות חנוכה מבררין את השמן ומעלין הניצוצות שבו - כי ענינים אלו, הם דברים נוספים בנרות חנוכה. (ועל דרך הענין דפרסומי ניסא). אבל עיקר ענינם אינו למטרה אחרת, והתכלית הוא בהם בעצמם.

כא) ראה בכל זה בשולחן ערוך אדמו"ר הזקן סי' רס"ג סעיף י ובמקומות המסומנים שם.

כב) שבת כג, ב.

כג) שם כא, ב. ואף דצריך נר אחר להיכר - הרי גם באין נר שני מברך ומדליק (סוף סימן תרע"ח באחרונים).

כד) ראה במדבר רבה (פי"ט, ג): על כל אלה עמדתי ופרשה של פרה אדומה כו' רחוקה ממני. ושם (פי"ט, ו): אמר לו הקב"ה לך אני מגלה טעם פרה.

כה) ראה גם כן "היום יום" ב טבת.

כו) במדבר רבה ריש פרשת חוקת. רמב"ם סוף הלכות מקואות.

כז) ראה תוספות ד"ה הרואה סוכה מו, א. מגן אברהם ריש סימן תרע"ו ובנושאי כלים שם. צפנת פענח (להגאון מראגצוב) על הרמב"ם הלכות חנוכה פ"ג ה"ג.

כח) שזהו גם כן טעם מספר שמונה נרות חנוכה, שמספר שמונה מורה על בחינה שלמעלה מהגבלה, כמבואר לעיל, וטעם מהדרין מן המהדרין, כמבואר בספר לקוטי שיחות ח"א ע'

92.

כט) תענית ז, ב.

ל) ספרי הובא ברמב"ם סוף הלכות חנוכה. וראה לקוטי תורה ד"ה החלצו וביאורו בביאור מאמר רז"ל (סנהדרין צט, ב) כל העוסק בתורה לשמה משים שלום כו'.

לא) זהר ח"ג עג, א. וראה תניא ספ"ה ופנ"ב נג.

לב) ראה תניא פכ"ג. בהגהות הצמח־צדק לשם.

לג) ובזה יומתק גם כן מה שכתב הרמב"ן (ריש פרשת בהעלותך) בשם המדרש: "אבל הנרות (שלפירושו הכוונה לנרות חנוכה) לעולם אל מול פני המנורה". ולכאורה, מה שייך בנרות חנוכה אל מול פני המנורה? אלא שמרמז בזה, בחינת התורה כמו שמיוחדת בעצמותו, שבחינה זו היא כולה פנים (ראה אגרת הקדש ד"ה דוד זמירות), פני המנורה.

לד) שבת כב, א ופירוש רש"י שם. ראה גם כן רמב"ם הלכות חנוכה פ"ג ה"ג ופ"ד הי"ב.

לה) עיין סוף סימן תרע"ב בבית יוסף רש"ל מגן אברהם חמד משה ועוד.

לו) כדוגמת המגורה שנאמר בה יאירו.

לז) דוגמא לדבר: כל הראוי לבילה אין בילה מעכבת בו (מנחות קג, ב). - על פי מה שכתוב בפנים, יובן גם טעם הפלוגתא (שבת כא, ב), אם מותר להשתמש באורה (דנרות חנוכה), שטעם המאן־דאמר דמותר להשתמש הוא לפי שהאור דנרות חנוכה פועל ומשמש גם לענינים שבהשתלשלות. וטעם המאן־דאמר דאסור להשתמש לאורה, וכן היא ההלכה, לפי שאין תכליתו של אור זה לשמש ולפעול בעולם, כי הוא למעלה מגדר השתלשלות, וגם כשפועל בעולם הוא בדרך נבדל (וב' ענינים אלו נרמזים בשמן: מפעפע בכל דבר, ומכל מקום אינו מתערב), שלכן אינו מתצמצם ומתמעט בהמשכתו, כי אינו בבחינת התלבשות.
ועל פי זה יומתק גם כן מה שכתב הרמב"ן (ריש פרשת בהעלותך), שנרות חנוכה וברכת כהנים אינן בטלים לעולם. כי שניהם - נרות חנוכה וברכת כהנים - צד השווה בהם: למעלה מהשתלשלות (שלכן ימי חנוכה תקנום בהלל והודאה, וברכת כהנים קבעו בברכת הודאה, כי אור שלמעלה מהשתלשלות אינו בגדר השגה ורק בבחינת הודאה לבד), ומכל מקום נמשכים ופועלים בעולם, אלא שאין ההמשכה מתצמצמת בהגבלות העולם, עד מהרה ירוץ דברו (כמבואר בלקוטי תורה סוף פרשת קרח).

לח) דירה לו יתברך בתחתונים - כענין הדירה.

לט) סוף פכ"ה.

מ) ועל דרך גנבא אפום מחתרתא רחמנא קריא, שגם בשעה שאמונתו בה' מאירה בגילוי וקורא רחמנא, הוא עושה מעשה הגניבה בכחות הגלויים שלו. וכן אפשר שבשעת מסירת נפשו בפועל על קדוש השם, לא יזהר באיזו מצוה (ועדיין קל שבקלים הוא מצד כחותיו הגלויים. [ועיין קונטרס העבודה פ"ה. ואין כאן מקומו].

מא) סנהדרין מד, א.

מב) שולחן ערוך יורה דעה סי' קנז, א.

מג) ריש פרשת בהעלותך. וראה לעיל סעיף ב.

נדפס לעילוי נשמות הורינו

**הרצליה** בת ר׳ **יצחק ומנוחה כהן** ע״ה

**ר׳ קלמן שמואל** בן ר׳ **יעקב ורחל גרוסמן** ע״ה

**גולדה מינדל** בת ר׳ **אדווארד ושרה גרוסמן** ע״ה

ע״י

**יעקב ורחל חנה כהן** שיחיו

**Dedicated in loving memory of**

**Herzliya bas Yitzchak & Menucha**

**Harriet Roslyn Cohen**

**Kalman Shmuel ben Yaakov & Rachel**

**Carl Samuel Grossman**

**Golda Mindel bas Edward & Sarah**

**Kathryn Grossman**

of blessed memory

Devoted parents and exceptionally proud
grandparents and great-grandparents
They left a legacy of care and concern, joy and laughter.
May their memory be a blessing for their families

**Yaakov & Karen Cohen**

*Potomac, Maryland*

SICHOS IN ENGLISH